בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהלת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

שלח

כ"א סיון תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:07 |
| מוצש"ק | 8:25 |
| ר"ת | 9:00 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:10 | סוז"ת א' 9:39 |
| סוזק"ש ב' 9:03 | סוז"ת ב' 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': ק"צ

שנה ד'

## טיב הפרשה

# זיך מתבונן זיין אין יעדע זאך וואס געשעט ארום אים

## ורשעים הללו ראו ולא לקחו מוסר

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די פרשה פון די מרגלים.

מיר ווייסן אז די פרשה פון די מרגלים איז איינס פון די הארבסטע פרשה'ס וואס איז געווען ביים כלל ישראל און די נאכווייען פון די פרשה שפירט זיך נאך ביז'ן היינטיגן טאג.

עס איז אסאך געשריבן געווארן ווי אזוי עס קען זיין אז כלל ישראל איז נכשל געווארן אין אזא הארבע פרשה, אבער ממש ביים אנהייב פון די פרשה איז דא א מורא'דיגע רש"י וואס געבט צו פארשטיין ווי אזוי כלל ישראל איז נכשל געווארן מיט אזא הארבע פרשה.

רש"י אויפ'ן ארט פרעגט א קשיא למה נסמכה פרשת מרגלים לפרשת מרים? וואס איז די סמיכות פון איינער צו דעם אנדערן, און רש"י ענטפערט אז די סמיכות איז לפי שלקתה על עסקי דבה שדברה באחיה ורשעים הללו ראו ולא לקחו מוסר.

אז מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער, זעט מען א מורא'דיגע זאך. מ'זעט אז די גרויסע מכשול פון די מרגלים איז געקומען ווייל מ'האט זיך נישט ריכטיג מתבונן געווען אין די געשעענישן וואס איז געשען פארדעם.

אבער אז מען טראכט אריין מיט א טיפקייט, זעט מען דאך נאך א נקודה. מען זעט דא אז די תוה"ק זאגט עדות אז איידער ווען א צרה קומט אויף אידן שיקט הקב"ה אונטער א דערמאנונג אז מ'זאל וויסן זיך אכטונג צו געבן פון אן ענליכע מעשה.

מ'זעט דא צוויי זאכן. מ'זעט דא די הארבקייט פון לעבן

## טיב המערכת

### נִתְּנָה ראֹשׁ

עס איז אמאל געווען א גרויסער עושר, וואס צוזאמען מיט זיין רייכקייט איז ער אויך געווען א גרויסער ירא שמים און א ריזיגער בעל צדקה. אויף דער עלטער האט ער איינגעזאמלט זיינע קינדער און ער האט זיי איבערגעגעבן צוויי קאנווערטן [ענוועלאפס/מעטפות], און אזוי האט ער זיי באפוילן: דאס ערשטע קאנווערט זאלט איר עפענען גלייך נאך די פטירה, און די צווייטע קאנווערט זאלט איר עפענען ביים סוף פון די לוויה נאכן סתימת הגולל. א קורצע צייט שפעטער איז דער עושר נפטר געווארן, און זיינע קינדער האבן זיך פארזאמלט אים צו אפגעבן דעם לעצטן כבוד און אויספירן זיין צוואה.

ווען זיי האבן געעפנט דעם קאנווערט, האבן זיי געליינט מיט שטוינונג ווי פאלגנד: 'מיינע טייערע קינדער, מיין גאנצן לעבן האב איך גארנישט צוריקגעהאלטן פון אייך, און יעצט בעט איך אייך אז איר זאלט מיר אפגעבן דעם לעצטן כבוד און איר זאלט מיך באגראבן מיט זאקן אויף די פיס'. די קינדער זענען געווען שאקירט וויבאלד זיי האבן געוואוסט אז זייער טאטע איז אויך געווען א תלמיד חכם, איז וויאזוי קען אזא ערליכער איד אזוי ווי אים בעטן אזא סארט פארלאנג, אינדערצייט וואס זיי ווייסן אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן.

אין זייער ענגשאפט, האבן זיי זיך געווואנדן צו די גדולי הדור און געבעטן א ספעציעלן היתר צו באגראבן זייער טאטע אנגעטון אין זאקן, אבער ווי פארשטענדליך האט קיין איינער דאס נישט געקענט מתיר זיין, און נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האט מען אים באגראבן אן די זאקן, כמנהג ישראל כשרים.

ביים סוף פון די לוויה, האבן די קינדער געבעטן מחילה פונעם טאטן פארן נישט ערפילן זיין פארלאנג. גלייך נאך די לוויה האבן די קינדער געעפנט דעם צווייטן קאנווערט, און ווי פארוואונדערט זענען זיי געווארן זעענדיג דער אינהאלט פונעם בריוו: מיינע טייערע קינדער, איך האב אייך נאר געוואלט ווייזן אז א מענטש נעמט נישט מיט זיך גארנישט פון דער וועלט, אפילו נישט קיין זאגן! און דעריבער זאלט איר זיך נישט גרויסהאלטן מיט אייער רייכקייט, זאלט איר דאס האלטן שטענדיג אין פארנט פון אייערע אויגן, און אזוי וועט איר גיין אויפן ריכטיגן וועג...

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר וועגן איינס פון די שטורעמישסטע געשעענישן אין די היסטאריע פון כלל ישראל, וואס דאס איז די פרשה פון די מרגלים, און יעדער וואונדערט זיך, וויאזוי איז מעגליך אז דער דור דעה, וועלכע האבן געזען גילוי שכינה אויפן בארג סיני, זענען אנגעקומען צו אזא מצב? אז זיי האבן ווידערשפעניגט אין השי"ת און אין משה רבינו, אויף אזוי ווייט אז זיי האבן כמעט געוואלט פארשטיינערן יהושע און כלב דערפאר וואס זיי האבן גערעדט גוטס אויף די הייליגע לאנד!

און אין אמת'ן אריין קען מען זען אז עס איז געווען א גרויסער אונטערשייד צווישן יהושע און כלב און צווישן די אנדערע מרגלים, וואס זיי האבן "צוריסן זייערע קליידער", און אזוי אויך שטייט אין פסוק וועגן משה און אהרן אז 'וַיִּפֹּל מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן עַל פְּנֵיהֶם', דאס מיינט אז זיי זענען אראפגעפאלן אויף זייער געזיכט, און די מרגלים, פון די אנדערע זייט,האבן געזאגט 'נִתְּנָה רֹאשׁ' וואס דאס איז א לשון פון גאוה, און פון דעם זעען מיר ווי שטארק מסוכן איז די גאוה, אויף אזוי ווייט אז עס קען צוברענגען דער מענטש צו די ערגסטע זאכן, און פון די אנדערע זייט, טוט די מדה פון ענוה דערנענטערן דעם מענטש צום באשעפער און צו די תכלית. (עפ"י טיב התורה – שלח)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

מיט'ן מציאות און נישט צולייגן קאפ צו דעם, און מ'זעט אויך אז הקב"ה שיקט אונטער רמזים פאר יעדן איד.

ביידע נקודות זענען קריטישע נקודות פאר יעדן איד אין זיין לעבן, און עס קומט צו דערוועקן דעם מענטש צו תשובה און צו מעשים טובים, אבער דער עיקר איז וואס מ'זעט אז הקב"ה רעדט צו א איד און ער איז אים כסדר מעורר און מעורר און דער איד דארף האבן שכל ער זאל כאפן און פארשטיין וואס עס גייט דא פאר.

אז דער מענטש וועט זיך מתבונן זיין און עפענען זיינע אויגן וועט ער זען אז ארום און ארום אים איז דא אן א צאל שוועריגקייטן. אידן לעבן מיט פארמעסטונגען ווי מענטשן שטארבן אז מ'פארלירט נאנטע אדער גאר זעט מען אז איינער וואס האט געהאט אסאך געלט איז מיטאמאל געווארן א יורד.

די אלע זאכן קומען מיט'ן ציל צו דערוועקן דעם איד אז ער זאל פארבעסערן זיינע מעשים – אבער דער איד פארבעסערט זיך נישט ווייל ער כאפט נישט אז מ'מיינט אים. דער מענטש איז אזוי פארזינקען אין זיין וועלטל אז ער כאפט נישט אז מ'מיינט גאר אים, אז הקב"ה רעדט צו אים און פירט מיט אים א דיאלאג, ער זאל ווערן בעסער.

מ'דערציילט אז א איד איז ארויפגעקומען נאכ'ן אפלעבן זיינע יארן אויף יענע וועלט, און נאכ'ן איבערקוקן זיינע מעשים האט מען אים דן געווען צו גיהנם. ווען די שלעכטע מלאכי חבלה זענען געקומען צו גיין, האט ער זיך גע'טענה'ט מיט זיי אז ער וויל ערשט רעדן מיט בית דין של מעלה און זיך אויס'טענה'ן מיט זיי אדער גאר מיט כביכול קוב"ה.

מען האט נאכגעגעבן זיין פארלאנג און אים געברענגט צו בית דין של מעלה, ער האט גע'טענה'ט אז וויאזוי קען מען אים דן זיין אזוי הארב? ווען מען האט אים קיינמאל אין לעבן נישט געווארענט.

"די וועלט אין וואס מיר לעבן איז דאך אזוי פינסטער און ביטער. ווען כ'וואלט ווען איינמאל באקומען א ווארענונג אין מיין לעבן וואלט איך זיך אנדערש געפירט".

האט מען אים געענטפערט אז הקב"ה האט אים געשיקט טויזנטער רמזים במשך זיין לעבן, און אים געהאלטן אין איין דערמאנען.

"ווען יענער איד איז אוועק, און דער איז נסתלק געווארן פון די וועלט – צי האט עס נישט געמיינט א דערמאנונג פאר אייך"? האט מען אים פארגעהאלטן.

דער רבוש"ע האלט אין איין שיקן דערמאנונגען פאר א איד – אבער ליידער לייגט ער נישט צו קיין קאפ צו דעם, און אז מ'לייגט נישט צו קיין קאפ כאפט מען נישט דעם רמז.

דער הייליגער צדיק רבי נתן מברסלב זי"ע האט דערציילט אויף זיך אז זיין התעלות האט זיך אנגעהויבן אלץ יונג קינד. טאג טעגליך פלעגט ער דאווענען אין שול מיט זיין זיידע. איין טאג האט ער באמערקט אז איין איד פון שול פעלט. ער האט א פרעג געגעבן דעם זיידן וואו יענער איד געפינט זיך? דער זיידע האט אים געזאגט אז יענער איד איז געשטארבן. זייענדיג א קליין קינד האט ער נישט געקענט פארשטיין וואס דאס מיינט. דער זיידע האט אים געגעבן צו פארשטיין אז די וועלט וואו מיר לעבן איז א דורכגאנג, אז מ'גייט אין איר און מ'קומט אין איר.

יארן שפעטער האט ער מעיד געווען אויף זיך אז די ווערטער פון זיין זיידע איז אים אריין אין די ביינער אז ער האט עס געדענקט כל ימיו און דאס האט אים דערוועקט צו תשובה און צו מעשים טובים.

איך געדענק אז יארן פריער האט מען נישט אויסגערופן יעדע לויה מיט א הויכהיליכער. נאר א גרויסע לויה האט מען אויסגערופן, אבער היינט רופט מען אויס יעדע לויה מיט א הויכהילכער. עס קען זיין אז די סיבה איז אז היינט דערוועקט מען זיך שווער אז מ'מוז נוצן שווערע און גרעסערע מיטלען זיך צו דערוועקן.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל זיך קענען דערוועקן גרינגערהייט און ממלא זיין די תפקיד וואס מ'האט אויף די וועלט בשלימות.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן הזה לייענערס

# אלעס פירט זיך פון אויבן

א איד וואס לעבט ערליך ווייסט אז יעדער זאך וואס ער טוט אויף די וועלט פירט זיך פון אויבן.

דער געדאנק איז גרינג צו זען ביי זאכליכע זאכן, אבער ווען עס קומט צו א מחשבה גלייבט זיך שווער אז אויך וועלכע מחשבה א איד זאל טראכטן שיקט מען אים אריין פון אויבן.

מעשה שהיה אז איך האב זיך געגרייט ארויסצוגיין פון שטוב אין ריכטונג פון די ישיבה. מיין מחשבה איז געווען צו גיין דאווענען מנחה אין די ישיבה. איך בין שוין געווען אינדרויסן פון מיין שטוב, ווען איך האב זיך דערמאנט אז כ'האב נישט מיטגענומען מיט מיר מיין בערזל.

"צו וואס דארף איך האבן א בערזל"? האב איך געטראכט צו מיר.

אבער דאן האט מיר מיין מח צוריקגעשיקט אהין אז איך זאל יא גיין נעמען מיט מיר די בערזל.

איך בין צוריק אריין אין שטוב און מיטגענומען מיט מיין בערזל און זיך ארויסגעלאזט צו גיין אין ריכטונג פון די ישיבה צו דאווענען אין איר מנחה. גייענדיג אזוי האב איך זיך מיישב געווען אז ליבערשט וועל איך דאווענען מנחה אין "זכרון משה".

איך האב זיך געלאזט פירן פון דער געדאנק. איך בין געגאנגען דאווענען אין די זכרון משה שטיבלעך. נאכ'ן דאווענען קומט א איד צו מיר א איד און פרעגט מיר צי איך האב צו פארבארגן א סומע געלט, וויבאלד ער דארף דרינגענד האבן א סומע געלט. איך האב אים געגעבן די סומע געלט.

ערשט יעצט האב איך פארשטאנען פארוואס עס האט זיך אויסגעפעלט אז כ'זאל נעמען מיין בערזל און גיין דאווענען אין די זכרון משה שטיבלעך, אנדערש ווי כ'האב געהאט געפלאנט צו טון פריער.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: מורינו הרב שליט"א)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

"אִיתָא בְּשֵׁם **הבעש"ט זצללה"ה זי"ע**, בְּמָקוֹם שֶׁאָדָם חוֹשֵׁב שָׁם הוּא כּוּלּוֹ. וּבָזֶה נוּכַל לְפָרֵשׁ: **'אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם'** – שֶׁאַתֶּם בְּעַצְמְכֶם שָׁם".

"וְזֶה מוּסָר הַשֵּׂכֶל, לְהִתְרַחֵק מֵהִסְתַּכְּלוּת אֲסוּרָה וְהִרְהוּרִים רָעִים עַד קְצֵה הָאַחֲרוֹן! כִּי אִישׁ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת מְקַדֵּשׁ בְּעַצְמוֹ, הַמֹּחַ הוּא הֵיכַל הַמִּקְדָּשׁ, וַהֲרֵי הוּא כְּמִי שֶׁמַּעֲמִיד ח"ו עֲבוֹדָה זָרָה בְּהֵיכָל (זע נפש החיים שער א' פרק ד'), השי"ת יִשְׁמְרֵנוּ".

"כְּלַל גָּדוֹל מָסְרוּ הַצַּדִּיקִים נ"ע, אֵין שְׁתֵּי מַחֲשָׁבוֹת שׁוֹלְטוֹת כְּאַחַת! **וְצָרִיךְ לַעֲשׂוֹת כָּל הַתַּחְבּוּלוֹת לְהַסִּיחַ דַּעַת מִשְּׁטוּתִים כָּאֵלּוּ, לֹא מִינֵּיהּ וְלֹא מִקְּצָתֵיהּ"!**

וּמְשָׁלוֹ מָשָׁל זֶה, כְּמוֹ מִי שֶׁעוֹמֵד בְּהֵיכָל הַמֶּלֶךְ, וּפִתְאוֹם זָרְקוּ אוֹתוֹ מִשָּׁם לְבֵית הַכִּסֵּא ח"ו... – כָּךְ אַתֶּם הַדְּבֵקִים כו' (דברים ד, ד), וּבְחֵטְא הַיָּדוּעַ נִתְרַחֵק ח"ו מֵהֵיכַל הַמֶּלֶךְ. כִּי הַמֶּלֶךְ הוּא הַהֵיכָל, וְהַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמֹחִי" ביז אהער פון ספה"ק **חֶלְקַת יְהוֹשֻׁעַ**, זע דארט ווייטער.

***

**הגאון הצדיק מרן הראב"ד רבי דוד יונגרייז זצוק"ל** איז געווען באוואוסט מיט זיין געוואלדיגע גאונות, און זיינע אויגן זענען געווען אפן מיט א וואונדערליכע בליק איבער אלע זייטן פון די הייליגע תורה, און האט געהערשט מיט א וואונדערליכע בקיאות אין אלע מקצועות התורה הקדושה. אויף אזוי ווייט אז הגה"ק **בעל ויואל משה מסאטמאר זצוק"ל** האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף אים, אז אין א פלאץ וואו רבי דוד געפינט זיך, פעלט נישט אויס קיין ספרים שאפע... וויבאלד ער קען אלעס אויף אויסווייניג!

אסאך מאל האט מען אים געפרעגט וויאזוי ער גדענקט דאס אלעס, און וויאזוי ער האט זוכה געווען אז אלעס וואס ער האט געלערנט זאל זיין אזוי קלאר און מסודר ביי אים אזוי ווי ער האט עס יעצט געלערנט?! – רבי דוד האט זיך אבער אויסגעדרייט פון געבן א קלארע ענטפער, און יעדן מאל האט ער מיט זיין ענוה אויסגעטראפן אן אנדער אויסרייד, כדי אוועקצומאכן זיין גאונות...

איינמאל אינעם **הייליגן טאג פון פורים** בשעת'ן מִשְׁתֵּה הַיַּיִן, איז רבי דוד געווען געוואלדיג בשמחה, זיך געפינענדיג אין א **מוֹחִין דְּגַדְלוּת** פון די שמחה פונעם טאג. ביי זיין טיש זענען געזעצן כנהוג די גדולי ירושלים של מעלה, וועלכע זענען אליין געווען גאונים מופלגים און וואונדערליכע תלמידי חכמים, כידוע. זיין הייליג מויל האט נישט אויפגעהערט צו אנטפלעקן וואונדערליכע חידושים, ווען מיט זיין פייערדיגע שמחה האט ער שפאצירט איבער כל התורה כולה, און ווי א שפרודלדיגע קוואל האט ער געפלאכטן וואונדערליכע ידיעות פון אלע זייטן, און צוזאמגעשטעלט שיינע ווערטער פון אלע ערליי ספרים. אזוי האט זיך עס געצויגן פאר א לאנגע צייט, ווען אלע אנוועזנדע פרייען זיך און דערקוויקן זיך צוזאמען מיט אים **בְּדוּבְשָׁנָהּ שֶׁל תּוֹרָה**.

נאכדעם, כְּטוֹב לִבּוֹ בַּיַּיִן, האט ער אנגעהויבן צו רעדן וועגן דער **איסור** פון **שִׁכְחַת הַתּוֹרָה**, איבערן חיוב וואס יעדער איד האט, אז ער זאל גדענקען אלעס וואס ער לערנט! כדי אז ווען עס פעלט אויס, זאל ער זיך קענען באניצן מיט יעדע נייע ידיעה וואס ער דארף האבן אין די הייליגע תורה.

# וְלֹא תָתוּרוּ

**"וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם" (טו, טל).**

איינער פון די באטייליגטע האט באשלאסן אויסצוניצן דעם געלעגנהייט, און זעענדיג אז דער רב איז אפן, זייענדיג פרייליך און אויפגעלייגט בְּשִׂמְחַת הַיּוֹם, האט ער אים געפרעגט: **וויאזוי מאכט מען דאס? אלעס צו גדענקען?!** דער כֹּחַ הַשִּׁכְחָה ארבעט דאך פון זיך אליין, אויב אזוי, וויאזוי קען מען אלעס גדענקען?

ווען דער רב האט געהערט זיין פראגע, איז זיין געזיכט רויט געווארן, און פאר א קורצע רגע איז ער פארזינקען געווארן אין זיינע הייליגע גדאנקען. פלוצלונג, האט ער זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ מיט א שטורעמישע גייסט און מיט א הייליגן התלהבות. עס איז געווען קענטליך אז עס איז אים שווער צו עפענען זיין הייליג מויל און צו אנטפלעקן זיין סוד, אבער אונזערע הייליגע חז"ל האבן דאך שוין מעיד געווען (עירובין סה.) **"נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד"**!

און ער האט געזאגט מיט א קאך:

**"דאס איז דאך א בפירוש'ער פסוק"!** ביים סוף פון פרשת שלח! **"וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם - לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וגו'"**, זעען מיר אז דער פסוק זאגט קלאר, אז איין זאך ווענדט זיך אינעם אנדערן, אז ווען מען געבט אכטונג אויף די אויגן און אויף די מחשבות פונעם הארץ אז עס זאל זיין הייליג, דעמאלטס טוט מען שוין גוט גדענקען אלעס וואס מען לערנט!

און **מִכְּלָל הֵן אַתָּה שׁוֹמֵעַ לָאו**, אז אויב געבט מען זיך נישט אכטונג אזוי ווי עס דארף צו זיין, און מען ברענגט אריין אינעם הארץ און אינעם מח פילע שטותים און הבלים פון אלע סארטן, רחמנא ליצלן, דעריבער קען זיך דאך די תורה נישט געהעריג באזעצן אין א הארץ וואס איז פול מיט זאכן וואס טויגן נישט... און יעדער נייער זאך פון די תורה וואס קומט אריין אין זיין הארץ, טוט זיך עס דארט נישט האלטן... נאר עס פליט אוועק און עס ווערט פארגעסן פון אים! וויבאלד ער אליין איז דאך נישט באהאפטן מיט ליבשאפט מיט זיין תורה, נאר זיין הארץ איז אריינגעטון אין אנדערע זאכן... דעריבער ווערט עס **כְּבוֹלְעוֹ כָּךְ פּוֹלְטוֹ**... – דעריבער זאל מען גוט איינ'חזר'ן דעם אויבנדערמאנטן פסוק: **"וְלֹא תָתוּרוּ – לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם"!!!**

**אט די ווערטער האט רבי דוד געזאגט מיט א הייליגן פלאם־פייער, און א גרויס שרעק איז באפאלן אלע צוהערער, זעענדיג דעם געוואלדיגן אנטפלעקונג וואס האט אויפגעדעקט אביסל פון זיין געוואלדיגע קדושה! וַיְהִי הַמָּקוֹם לְחֶרְדַּת אֱלֹקִים!**

***

איינמאל ווען **רבי דוד** איז נאך אלץ געווען א יונג קינד, האט מען אים אמאל געטראפן ווי ער זיצט און וויינט. ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט ער

געוויזן אויף די **גמרא** וואס איז געלעגן אפן פאר אים, אין מסכת **הוריות** (יג:) וואס ער האט נארוואס געלערנט, און די גמרא זאגט דארט אזוי:

"עֲשָׂרָה דְּבָרִים קָשִׁים לְלִמּוּד כו', וְהָעוֹבֵר בֵּין שְׁנֵי גְמַלִּים, וְהָעוֹבֵר בֵּין שְׁתֵּי נָשִׁים, וְהָאִשָּׁה הָעוֹבֶרֶת בֵּין שְׁנֵי אֲנָשִׁים וכו'". און דער הייליגער **מהרש"א** ערקלערט אין **חידושי אגדות** אויפן פלאץ, אז אין די סוגיא אין מסכת הוריות טוט די גמרא אויסרעכענען זאכן וואס טוען צוברענגען אז מען זאל פארגעסן וואס מען האט געלערנט, און נאר אזעלכע זאכן וואס פאר זיי האט מען נישט געטראפן קיין שום תקנה דערצו, זע דארט.

און דעריבער האט דער קינד געוויינט, ערקלערנדיג אז ער טרעפט נישט קיין שום עצה דערצו, וויבאלד די גאסן פונעם אלט־שטאט וואו זיי האבן געוואוינט, זענען געווען זייער שמאָל, און עס איז געווען זייער שווער צו אכטונג געבן אויף דאס וואס די הייליגע חכמים האבן אנגעזאגט אז א מאן זאל נישט אריבערגיין צווישן צוויי פרויען, און אז א פרוי זאל נישט דורכגיין צווישן צוויי מענער! און דעריבער האט ער געוויינט פון גרויס צער און זארג, טאמער ער וועט חלילה נכשל ווערן אין דעם, און פארגעסן דאס וואס ער האט געלערנט!...

***

א גרויסער תלמיד חכם פון **עיה"ק ירושלים ת"ו**, האט געזוכט א 'מראה מקום', אין אן ענין וואס ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען. דאס איז געווען א **'מדרש'** וואס ווערט געברענגט אין אסאך ספרים, ער האט אבער נישט געוואוסט וואו איז דער מקור דערפון. – ער האט געזוכט אין אלע ספרים, און האט אויך געפרעגט פילע תלמידי חכמים, אבער דער מקור פון יענעם מאמר חז"ל האט ער נישט געטראפן!

אויך נאך פילע זוכענישן דורך די פארשידענע זוך־מעגליכקייטן פון די היינטיגע תקופה, וואס עס איז איכשר דרא און עס איז מעגליך צו זוכן דורך פארשידענע זוך־מיטלען מיט א פארלעסליכע השגחה, און עס העלפט שטארק ארויס מיטן זוכן פילע מדרשי חז"ל און מאמרי חכמים, האט ער עס אבער נישט געטראפן, און ער האט נישט געוואוסט וויאזוי ער וועט קענען טרעפן דער מקור פון דעם מדרש.

האט אים איינער פון זיין חברים גע'עצה'ט, אז ער זאל זיך ארויסלאזן קיין **בני ברק יע"א**, צו דעם וואוינונג פון מרן **הגאון רבי חיים קאַניעווסקי זצ"ל**, וועלכער איז באוואוסט געווען מיט זיין זעלטענע בקיאות אין כל התורה כולה.

נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, איז ער איין נאכט אראפגעפארן קיין בני ברק, און געווארט אין די רייע צווישן די צענדליגע ווארטנדע. ווען ער איז אריינגעגאנגען אינעווייניג, האט אים רבי חיים אויפגענומען מיט זיין באוואוסטע ווארימקייט, און אים גלייך געפרעגט וואס ברענגט אים אהער. דער תלמיד חכם האט אראפגעלייגט זיין פראגע, היות עס איז שוין זייער לאנג וואס ער זוכט דער מקור פון דעם מדרש, וואס ער האט געזען אז עס ווערט געברענגט אין די פריערדיגע ספרים, אבער ער טרעפט נישט דער מקור דערפון.

ווען רבי חיים האט געהערט די ווערטער פונעם מדרש, האט ער תיכף געזאגט: **דאס איז דאך אין 'שִׁיר הַיִּחוּד'!** וואס מען זאגט עס אינעם נאכט פון יום הקדוש. ער האט באפוילן אז מען זאל ארויסנעמען פונעם ספרים־שאפע דעם **מחזור ליום הכיפורים,** און גלייךביים ערשטן מאל עפענען דעם ספר האט זיך עס אויפגעמישט ביים שיר היחוד, אינעם זעלבן בלאט וואו עס שטייט די ווערטער פונעם מדרש! – וַיְהִי לְפֶלֶא.

רבי חיים האט אים הארציג באגריסט, און האט שוין געוואלט אויפנעמען דער קומענדיגער אין דער רייע, אבער דער ירושלים'ער תלמיד חכם איז געשטאנען ווי צוגענאגלט צו דער ערד פון גרויס התפעלות און באגייסטערונג, און פון גרויס וואונדער האט ער געפרעגט: מיילע צו קענען ש"ס בבלי און ש"ס ירושלמי אויף אויסנווייניג, דאס פארשטייט מען נאך! – אבער שיר היחוד? וויאזוי קומט מען אן דערצו, אז מען זאל אויך קענען און געדענקען דעם גאנצן שיר היחוד אויף אויסנווייניג?!

מיט א רואיגקייט און שמייכל האט אים רבי חיים געענטפערט: **אלעס ווענדט זיך וואס איז טאקע אינטערעסאנט...** מעגליך ביי אנדערע מענטשן איז אינטערעסאנט די נארישקייטן פונעם עולם הזה, און דורכן יצר פון נייגעריגקייט געדענקט מען גוט אלע הַבְלֵי הָעוֹלָם! – אבער פאר מיר איז עס קיינמאל נישט געווען אינטערעסאנט... אבער די זיסע חידושים וואס מען טרעפט אין שיר היחוד, דאס איז מיר דווקא יא געווען זייער אינטערעסאנט! און דעריבער זענען זיי געווארן גוט אויסגעקריצט אין מיין זכרון!

***

עס איז ברייט באקאנט און באוואוסט די געוואלדיגע קדושת העינים פון **הרה"ק רבי אלעזר אבוחצירא זצוק"ל פון באר שבע יצ"ו,** אויף אזוי ווייט אז ער האט קיינמאל נישט געקוקט אויף די צורה פון א פרוי. אזוי ווי ער האט שטענדיג יונק געווען געוואלדיגע קדושה אינעם הויז פון זיין טאטן, **הרה"ק רבי מאיר זצוק"ל אין אשדוד,** און אינעם הויז פון זיין זיידע **הרה"ק רבי ישראל אבוחצירא זצוק"ל, דער 'בבא סאלי', אין נתיבות.**

דער חינוך פאר **קדושת העינים** אין דעם הייליגן הויז, איז געווען לשם ולתפארת! וויבאלד די קינדער האבן שטענדיג געזען א לעבעדיגע ביישפיל פאר זייערע אויגן, פון די צדיקים און קדושי עליון וואס האבן אזוי שטארק אכטונג געגעבן אויף קדושת העינים!




– און דעריבער פארשטייען מיר פארוואס עס זענען ארויסגעקומען פון דעם הויז אזעלכע צדיקים און קדושים.

פילע מעשיות זענען אנגעבינדן געווארן אין די הייליגקייט פון די אויגן פון זיין הייליגער טאטע, דער **באבא מאיר זצוק"ל**. ביי איינס פון די נסיעות פון דער באבא סאלי זי"ע קיין חוץ לארץ, איז ווען ער האט געדארפט צוריקפארן צום הייליגן לאנד, האט דער זון, דער באבא מאיר געזאגט, אז עס וואלט געווען ריכטיג צו גיין מקבל פנים זיין דעם הייליגן טאטן אלץ די מצוה פון **'כיבוד אב'**, אבער וויאזוי וועט ער קענען אנגעקומען צו דער לופטפעלד אין לוד, וואס איז פול מיט אומריינע און פארבאטענע זעאונגען, רחמנא ליצלן?!

א לאנגע צייט איידער זיין טאטע איז צוריקגעקומען קיין ארץ ישראל, איז ער געווען אינגאנצן צושטורעמט דערפון, און האט זיך אסאך גע'עצה'ט מיט זיינע תלמידים, זוכנדיג א וועג וויאזוי ער וועט קענען טראצדעם ארויספארן קיין לוד און ענטפאנגען זיין גרויסן טאטן.

ענדליך איז באשלאסן געווארן וואס צו טון. מען האט אים געקויפט א ספעציעלן הוט וואס ווערט אנגערופן א **'טאַרבוש'** וואס דעקט צו דעם גאנצן פנים, און מען קען גארנישט ארויסזען! אזוי איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין הויז מיטן הוט וואס באדעקט זיינע הייליגע אויגן, וועלכע זענען שוין אזוי אויך געווען פארמאכט די גאנצע צייט. אנקומענדיג צו דער לופטפעלד, ווי נאר ער איז ארויסגעגאנגען פונעם אויטא, האבן אים צען פון זיינע הייליגע תלמידים ארומגערינגלט, און ער האט זייער מקפיד געווען אז אט די מחיצה פון זיינע צען תלמידים זאל זיך נישט אפהאקן אפילו פאר א רגע!

עטליכע חדשים שפעטער, ווען רבי אלעזר האט גערעדט מיט איינער פון זיינע תלמידים וועגן דער ענין פון קדושת העינים, האט זיך רבי אלעזר אויסגעדרוקט פאר אים אזוי ווי א מסיח לפי תומו:

געדענקסטו נאך יענע 'נסיעה' וואס מיר זענען געפארן צום לופטפעלד מיט עטליכע חדשים צוריק, צו ענטפאנגען מיין טאטן? – וויסן זאלסטו, אז ביז יעצט האב איך נאכנישט געענדיגט מתקן זיין מיינע אויגן פונעם 'פגם' וואס האט זיך אנגעקלעבט אין מיר פון יענעם נסיעה!!! – און דאס איז געווען טראצדעם וואס זיינע אויגן זענען געווען פארמאכט די גאנצע צייט, און זענען אויך געווען צוגעדעקט מיט א טונקעלע שטיקל סחורה וואס טוט אלעס באהאלטן, און איז אויך געווען ארומגערינגלט די גאנצע צייט מיט צען תלמידים!

אין אט דער הויז איז אויפגעוואקסן זיין הייליגער זון דער **באבא אלעזר זצוק"ל**, און פון דארט האט ער זיך אויסגעלערנט די וועגן פון פירונגען פון קדושת העינים. – מערסטנס פון זיינע יארן, ווען ער האט אויפגענומען די מענטשן, איז ער שטענדיג געזעצן איינגעהילט אין זיין מלבוש וועלכער האט אויך איינגעהילט זיין הייליגע געזיכט ביז זיין הייליגן מויל, און ער האט נישט געקוקט אויפן פנים פון דער וואס איז געקומען צו אים, אפילו נישט אויף די מענער.

זיינע שנורן האט ער בכלל נישט דערקענט, און צו די חתונות פון זיינע קינדער [נישט זיינע אייניקלעך!] איז ער געקומען בלויז פאר די חופה, נאכן אנזאגן שטרענג אז מען זאל נישט מאכן קיין בילדער פון אים, און נאך די חופה איז ער צוריק אהיימגעגאנגען.

א ספעציעלן טונעל איז צוגעשטעלט געווארן פאר אים אונטער זיין הויז, וואס איז אנגעקומען ביז צום טיר פונעם בית המדרש, כדי ער זאל נישט באגעגענען א פרוי אויפן וועג צום בית המדרש! און ער האט קיינמאל נישט געזען קיין צורת אשה, און איז געווען זייער גרויס אין קדושה!

